# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

## לישרים נאוה תהלה

ס'איז נישטא די ווערטער צו אויסדריקן די הארציגע דאנק געפילן צו אונזער נאנטער ידיד נפש כל חי, ה"ה הרבני החסיד הנכבד והנחמד אהוב ומכובד הר"ר **שמואל סאבו** שליט"א און זיין חשוב'ע ב"ב תחי' עמו"ש וועלכע האבן פאר אונז צוגעשטעלט א שבת מעין עולם הבא, לרגל חגיגת הבר מצוה של בנם יקירם היניק וחכים כמר **יחזקא' שרגא** נ"י – תלמוד חביב של הת"ת **נחלת אבות** בעיר **בודאפעסט** בק"ק עד"י בנשיאות הגה"צ **רבי משה טובי' וויסבערגער שליט"א – גאב"ד** ווי אויך באדאנקען מיר פאר אלע מיטהעלפערס, תושבי העיר, ומתפללי וראשי הקהילה הי"ו

**אשרי עין ראתה:** די חגיגת הבר מצוה, די הערליכע דברי תורה פונ'ם טייערן בר מצוה בחור הי"ו, די פייערדיגע טענץ און די אויסערגעווענליכע התרגשות פון אלע באטייליגטע, ממדינת הקרובים והרחוקים, די ווארעמע תפילות, סעודות שב"ק בשבת אחים, די הרגש קודש הערנדיג דברי תורה פון די חשוב'ע בחורים יוצאי הת"ת נחלת אבות, ועוד.

ויה"ר שיזכה לראות רב נחת מכל יוצ"ח מאחלים אנו וב"ב: מרדכי שטויבער, חיים לעווי, הערשל וויינגארטן, מרדכי וואלטער, הערשל גרינצפעלד, אהרן גאלד, חנני' יו"ט גאלד, דובעריש וועבער, יואל יעקב מייזליש, פייבל גרינוואלד, חיים נחום ווערצבערגער, אפרים שטערן, משה יושע פליישמאן

ג"א חברים אחים ידידים מבריכים מקרב לב עמוק: הרב מרדכי שמוא' יונתן בערקאוויטש, יעקב אלכסנדר גוטמאן, קלמן ליעבערמאן, מרדכי גאלד, יעקב היללער

## איינצלהייטן פון די היסטארישע אויפדעקונג

• כ"ק אדמו"ר שליט"א, נכד לבית מאגלניצע, איז שטארק נתרגש געווארן פונ'ם פארנאכלעסיגטן ביה"ח אין מאגלניצע און איז פיל משתדל צו ערמעגליכן די איבערבוי פונ'ם ביה"ח, ובפרט צו מברר זיין בדיוק מנוח"ק פון די הייליגע צדיקים לבית מאגלניצע.

• שלוחי אבותינו באזוכן דעם ביה"ח בפיקודת כ"ק אדמו"ר שליט"א און בס"ד איז אנטפלעקט געווארן מצבתה של הצדיקת המפורסמת לאה פערל בתו של רבינו הק' המגיד מ'קאזניץ זי"ע און שטיקלעך מצבה ווארשיינליך פונ'ם הייליגן שרף רבינו הק' חיים מאיר יחיאל זיע"א.

• שלוחי אבותינו האבן געמאכט פארשריט צו מברר זיין די פונקטליכע גבולות פונ'ם אוהל הק' און פונ'ם גדר הביה"ח צו ערמעגליכן די אויפבוי פונ'ם נייעם גדר נאך אין דעם סעזאן בשעטו"מ.

• די בשורה קומט אין די טעג וואס מען גרייט זיך צו די יומא דהילולא פונ'ם הייליגן שרף, יום ב' פ' אמור – ט"ו אייר. א מסע קודש בראשות רבינו שליט"א איז אונטערגענומען געווארן צו מקומות הק', און עס איז מיט גרויס התרגשות אויפגענומען געווארן די געוואלדיגע בשורה טובה.

## וועד הביה"ח בעיר מאגלניצע, פוילן

### בנשיאות כ"ק אדמו"ר מ'תולדות צבי ד'ספינקא שליט"א

בהשתדלות הרה"ג ברוך יודא האלברשטאם שליט"א - בהגה"צ אבד"ק טשאקאווע שליט"א

...

## יום בשורה הוא לישראל – היסטארישע אנטדעקונג

שלוחי אבותינו בראשות הרה"ח ר' **חיים רפאל פערענץ** שליט"א און הרה"ח ר' **שמואל סאבו** שליט"א אנטפלעקן אויפ'ן ארגאניזירטע פלאץ

**מצבתה של אימא דמלכות הצדיקת המפורסמת לאה פערל בתו של רבינו הק' המגיד מ'קאזניץ זי"ע.**

ווי אויך איז עטדעקט געווארן דערנעבן שטיקלעך מצבה ווארשיינליך

**פונ'ם הייליגן שרף רבינו הק' חיים מאיר יחיאל זיע"א.**



**נוסח מציבתה**
של הצדיקת המפורסמת
**לאה פערל**
בתו של רבינו הק'
**המגיד מ'קאזניץ** זי"ע
...
קדושתה וחסידתה....
בת אדו' מו' ור' רשכב"ה
הרב האלוקי מו'
ישראל זללה"ה
מגמיי"ש דק' קאזניץ
נ' בש"ק ה' מרחשון תר"ט
הצמח לנו ישיע לפ"ק




שלוחי אבותינו ביים טרעפן די מצבות און די יסודות פונעם אוהל בביה"ח מאגלניצע




שטיקל מצבה וואו עס שטייט [מ]איר יחיאל - ווארשיינליך פון רבינו הק' חיים מאיר יחיאל זי"ע



ביים ריינגן דעם ביה"ח אין מאגלניצע

**With appreciation** for the esteemed organization FODZ and CEO Ms. Monika Krawszyk

• הארט פאר'ן אפפארן, זענען די שלוחי אבותינו איבערראשט געווארן צו געפונען יסודות פון א צווייטע אוהל גלייך נעבן דעם ערשטן אוהל, **ווארשיינליך פון הרה"ק רבי יעקב מ'מאגלניצע, בנו של רבינו הק' הנוע"א מ'ליזענסק זי"ע**

**ברכת מזל טוב לבבית:** לידידינו הנאמן אהוב על כל מכיריו הרבני הנכבד **כמר שמואל דוד ליכטמאן** שליט"א **וב"ב** שיחי' מראשי הוועד להצלת ביה"ח בעיר בילקאמין **לרגלי הולדת הנכדות למזל טוב!** ויה"ר שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח מתוך נחת ושמחה וכט"ס אכי"ר מנו"כ של הרה"ק ר' **ישראל יעקב** זלה"ה בן הגה"ק רבינו רבי מענדל'ע מ'רימינאוו זי"ע